**UCLA**
**Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn**

**Title**
KeKhol Hagoyimdikayt In A Nayer Oyflage / Being Like the Christians in a New Edition

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/36q098fn

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 92(1)

**Author**
Saul Goodman, Shaul Gutman

**Publication Date**
1978-10-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# ככל הגויימדיקייט אין אַ נייער אויפלאַגע

## I

זינט דער השכלה עפּאָכע, אַ קימאַ־לן פון צוויי הונדערט יאָר, הערט די יידישע מחשבה נישט אויף זיך צו ראַנגלען מיטן פּראָבלעם פון יידישער אַנדערשקייט, נאָרמאַליזאַציע, ככל־הגויימדיקייט. נישט נאָר די דייטשע רעפאָרם־יידן האָבן געהאַלטן אַז מיר דאַרפן זיך פריער „אויסמענטשלען", ווערן מיט לייטן גלייך, איידער מיר פאַרדינען זיך עמאַנציפּאַציע; אויך נאַציאָנאַלע יידישע באַוועגונגען אין מזרח־איראָפּע האָבן אין אָנהייב פון הייבטיקן יאָרהונדערט געפּריידיקט אַז מיר דאַרפן זיך איראָפּעיזירן, נאָרמאַליזירן, און — שפּעטער אין אַמעריקע — אַמעריקאַניזירן.

אויב אין יענער צייט, ווען יידן זיינען נאָר וואָס געווען אַרויס פון זייער אָפּגעזונדערטער עקזיסטענץ, איז געווען אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם דראַנג צו נאָרמאַליזירונג, איז עס איצט — אין דער פּאָסט־חורבן־וועלט — ווען מיר האָבן זיך שוין לאַנג וועסטערניזירט, פון איין זייט; און פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר פאַרלאָרן אַלע אילוזיעס וועגן דער „ציוויליזירטער וועלט" — דאָס פאָלק פון „דיכטער און דענקער" האָט דאָך געגאָלטן

ווי אַ זייל פון דער מערב־קולטור — איצט האָט זיך אויסגעוויזן אַז מיר ווילן זיך מער נישט יאָגן נאָך „זאַגראַניטשנע" סחורות; אַז מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען מיט אונדזער אייגענער גייסטיקער ירושה; אַז מיר האָבן עפּעס אייגנס וואָס איז ווערט ממשיך צו זיין.

אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן אונדז — יענע וואָס זיינען אויפגעוואַקסן און רייף געוואָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אָבער, אָט איז דערשינען אַ בוך פון איינעם וואָס איז אַ פּראָדוקט פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און ער חזרט אין תוך איבער כמעט אַלץ וואָס מיר האָבן געהערט פון די פאַרמבולדיקע שוללי־הגלות. אמת, ער באַנוצט זיך מיט די נייעסטע סטאַטיסטיקעס, מיט אויסגעפּשטלטע אַרגומענטן, און אַ ליידנשאַפטלעכן פּאָלעמישן טאָן.*)

הלל האַלקין, דער מחבר פון בוך, איז אַן אַמעריקאַנער ייד (געבאָרן אין 1939, אין ניו־יאָרק) וועלכער האָט זיך באַזעצט אין 1970 אין ישראל, ווו ער פאַרנעמט

*) *Letters to an American Jewish Friend, by Hillel Halkin.— Jewish Publication Society, Philadelphia*, 1977.

דער קאָלעקטיוו פאָלק. יעדער ייד האָט זיין חשבון, פאַר זיך, און יעדער יידישער חשבון איז באַזונדער. יעדער פּרט ייד איז איצט אָנגעלאָדן מיט יידישקייט און יעדער פּרט באַזונדער האָט זיין חשבון אויף יענער וועלט.

דאָס איז געווען זייער אַ שווערע ענדערונג: ניט דאָס פאָלק, נאָר יעדער ייד פאַר זיך, באַזונדער, ווו ער זאָל ניט זיין, אויף דער גאַנצער וועלט. יעדער ייד און יעדער יחיד בכלל טראָגט די יידישקייט פאַרן גאַנצן פאָלק ... דאָס איז געווען די יידישקייט איצט ערב דעם חורבן.

יבנה איז געווען אַ געזעגענונג מיט יידישקייט פון איין לאַנד, פון ארץ ישראל, און איז געוואָרן אַ יידישקייט פון גאָר דער וועלט. „מלא כל הארץ כבודו". און אומעטום ווו יידן וועלן מגולגל ווערן איז זייער גאָט מיט זיי. און דער שכר מצווה און שכר עברה איז איינער ווו דער ייד זאָל ניט זיין. יידישקייט איז ניט בלויז אין ארץ ישראל. אַ טיפע און גרויסע ענדערונג אין דער יידישער געשיכטע.

רבן יוחנן בן זכאי און זיינע חברים האָבן געמאַכט פון יידישקייט אַן אַלוועלטלעכע און אַלצייטיקע זאַך. און דער יידישער גאָט איז געוואָרן אַן אַלוועלטלעכער און אייביקער גאָט פון אַלע וועלטן, וואָס זיינען געווען און וואָס וועלן זיין. דער יידישער גאָט איז „מלך כל העולמים" און דאָס יידישע פאָלק איז עם אחד אין דער גאַנצער וועלט און אין כל העולמים.

זיך מיט איבערזעצן העברעישע ליטעראַטור אויף ענגליש. אין דעם בוך, וואָס איז געשריבן אין דער פאָרם פון בריוו צו אַן אויסגעטראַכטן אַמעריקאַנעם יידישן פריינד, באַהאַנדלט ער די פראָבלעמען פון יידישן קיום, און די שפּאַנונגען צווישן ישראלים און יידן אין די תפוצות. דער פריינד זיינער דאַרף זיין רעפרעזענטאַטיוו פאַרן יינגערן אַמעריקאַנער יידישן דור וואָס האָט אַ פאָזיטיווע באַציונג צו ישראל, און גלייכצייטיק איז ער איבערצייגט אין דער לעבנספעיקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום. אין בוך לייענען מיר בלויז האַלקינס בריוו, אָבער פון צייט צו צייט ציטירט ער פון זיין פריינדס כלומרשטע ענטפערס, מיט וועלכע ער פאָלעמיזירט.

די צוויי פריינד אַרגומענטירן וועגן דער יידישער היינטצייטיקער פראָבלעמאַטיק; וועגן די שפּאַנונגען צווישן אַמעריקאַנער יידנטום און ישראל; וועגן ציוניזם, יידישער געשיכטע, וועגן מהות פון יידישקייט, וועגן דער צוקונפט פון מדינת ישראל, און די יידישע צעשפּרייטקייטן. ווי אַן עקסטרעמער פאַרניינער פון די תפוצות, שטעלט זיך דער מחבר אויפן שטאַנדפונקט אַז יעדער ייד וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק איז מחויב זיך צו באַזעצן אין ישראל. אַז דער איינשטעל איז דער דאָמינירנדיקער ביי די ישראלדיקע ציוניסטן ווייסט יעדער איינער; אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל באַשעפטיקן זיך מיט דעם ענין עליה פון אַמעריקע, און יעדעס מאָל ענדיקט עס זיך מיט אַ קאָמפראָמיס־פאָרמולע וואָס שטעלט קיינעם נישט צופרידן: נישט ישראלים, ניט די אַמעריקאַנער ציוניסטן.

לאָמיר דאָ גלייך פעסטשטעלן, אַז אין לעצטן סך־הכל איז דער מחבר גאָר נישט מחדש; סאיז דער באַקאַנטער אַלטער נעגאַטיווער צוגאַנג צום יידישן לעבן אין די תפוצות; „ביי“ איז בלויז דער עקסטרעמער סעקולאַריזם וואָס שאָקירט איך מיט זיין פאַרלייקענען די גרויסקייט פון יידישן עטאָס, די צענטראַלקייט פון אוניווערסאַליזם אין יהדות, און די אייביקע ווערטן פון דער יידישער קולטור. „ביי“ איז אויך דאָס מאַכן צו קלייניגעלט נישט בלויז דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אין אַמעריקע, נאָר אויך דעם איצטיקן קולטור־מעמד אין ישראל. „ביי“ זיינען אויך די סתירות אין וועלכע דער מחבר פאַרפלאָנטערט זיך, ווי מיר וועלן עס באַלד באַווייזן.

באַלד אין אין ערשטן בריוו אַרטיקולירט דער אויטאָר אַז יידן אין ישראל ווערן צוזאַמענגעהאַלטן נישט פון געמיינזאַמער קולטור, נאָר פון אַ ריי איבערצייגונגען וואָס זיי האָבן וועגן זיך און וועגן זייער אַרבעט אין לאַנד: „ווייל ווי קען מען אָנרופן קולטור דעם מישמאַש פון אַ דערנידעריקטער עטנישער טראַדיציע, פאַרשטיינערטער אָרטאָדאָקסיע, אַ סעקולאַריזם אָן וואָרצלען.“ און אַביסל שפעטער דעררעדט ער זיך צו אַזאַ שיער נישט אַליין־האָס: „דער נידעריקסטער אַראַבישער פויער אין ישראל, וועלכער קען נישט לייענען און נישט שרייבן, פאַרמאָגט מער אמתע קולטור אין זיין לעבן ווי אַ ישראלדיקער פראָפעסאָר.“ ווי אַן אילוסטראַציע פון דער ישראלדיקער קולטורלאָזיקייט דערציילט אונדז האַלקין, אַז ווען מיר ווילן ווייזן אַ טוריסט עפעס אייגנאַרטיקס, נעמען מיר אים אין אַראַבישן טייל פון ירושלים, אָדער אין אַלטן געגנט פון יפו, אָדער צפת; אָדער ווען מיר ווילן געבן אַ טוריסט אַ מתנה סוגעסטירן מיר אים אַן אַראַביש קופערווערק; אַ קלייד — נישט פאַרגעסנדיק דערביי צוצוגעבן אַז מיר יידן האָבן געדאַרפט אויפבויען דאָס לאַנד פון יסוד אָן, ווייל ווען מיר זיינען אַהער געקומען איז דאָ גאָר נישט געווען.

דאָס איז דאָך אָבער קוים אַ האַלבער אמת! פירט מען דען נישט דעם גאַסט אויך צו דעם כותל מערבי, צום הר־ציון, אין מסדה?! ווייזט מען דען נישט דעם גאַסט אויך דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, דעם וויצמאַן־אינסטיטוט, די קיבוצים, די אַלע וויסנשאַפטלעכע און קונסט־אינסטיטוציעס וואָס די יידן אין ישראל האָבן אין דער נייער צייט געשאַפן? און צי האָבן יידן אין אַלטערטום, און אין מיטלאַלטער אויך אין די תפוצות נישט געשאַפן אייגנאַרטיק־נאַציאָנאַלע קונסטווערק — וואָס האַלקין לייקנט אָפ? וואָס

די סינאַגאָגעס, זייערע וואַנט־מאָלערייען, די אילומינירטע הגדות אין מיטלאַלטער, די אילומינירונג פון ספרי־תורות, פּרוכתן, חנוכה־לאָמפּן, כתובות אא״וו. דאָס אַלץ שליסט האַלקין אויס פון נאַציאָנאַלן אוצר, מסתמא — ווי ער פּסקנט בנוגע נאַציאָנאַל־יידישע מאכלים — ווייל זיי זיינען געבונדן מיט רעליגיע... מיר האָבן אָבער שטעלט מיט זיך פאָר די אַרכיטעקטור פון נישט געהערט אַז גויאישע סעקולאַריסטן זאָלן אויסשליסן פון זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן אַלע קאַטעדראַלן, אַלע קונסט־בילדער און סקולפּטורן אויף קריסטלעך־רעליגיעזע מאָטיוון מיט וועלכע עס זיינען פול די איראָפּעישע מוזייען!

פאַרוואָס אַזאַ האַרבער פּסק־דין? ווייל דער מחבר האָט זיך געשאַפן אייגענע אַרביטראַרע דעפיניציעס וועגן קולטור, לויט וועלכע עס באַקומט זיך אַז יידן זיינען ממש אַ קולטורלאָז פאָלק. נישט די יידישע ליטעראַטורן אין יידיש און העברעיש, נישט די קבלה, נישט חסידות, נישט דער יידישער סאָציאַליזם, אויך נישט די יידישע אוניווערסיטעטן אין ישראל — דאָס אַלץ שאַפט נאָך נישט, לויט האַלקינען, קיין קולטור, ווייל — דערקלערט ער קאַטעגאָריש — אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין אמתע נאַציאָנאַלע מאכלים, אַ פאָלקס־מוזיק, אָדער פאָלקס־קונסט, וואָס האָט נישט קיין אמתע פאָלקס שפּראַך, נישט קיין טיפע ליבע פאַר דער נאַטור, נישט קיין לעבנס־חכמה וואָס אַזוי נאָר זיינס — אַזאַ פאָלק האָט נישט קיין אייגענע קולטור!

לאָמיר דערווייל אָננעמען אַז די אַלע אויסגערעכנטע אַטריבוטן זיינען דער סימן מובהק פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור, פאַרמאָגן מיר זיי טאַקע נישט? האָבן דאָך יידן געשאַפן אין גלות אַן אייגענע פאָלקס־שפּראַך, יידיש, אַן אויפּטו פון אַזאַ ריזיקן פאַרנעם, וואָס דער שריפטשטעלער מאָריס סעמיועל האָט באַנוצט אין זיין פאָלעמיק קעגן טאָינבי ווי אַ ראיה פון יידישער גרויסער שעפערישקייט אין די תפוצות?! האָבן דאָך יידן געשאַפן אַן אוצר פון אייגנאַרטיקע פאָלקסלידער, און אַ ספּעציפישן הומאָר וואָס שפּיגלט אָפּ די באַזונדערקייט פון דעם יידנס לעבנס־חכמה! און האָבן דען יידן אין מזרח־איראָפּע נישט געהאַט אייגענע יידישע מאכלים, אַן אייגענע הלבשה און אַן אייגענע פיזיאָנאָמיע? אָבער אונדזער איקאָנאָקלאַסט פּסלט יידישע מאכלים ווי אַ נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט ווייל... זיי זיינען געווען געבונדן מיט רעליגיעזע יידישע ימים־טובים! און טאָמער וועט איר לאַכן פון אַזאַ איסור אין סעקולאַרן שולחן־ערוך, אַרגומענטירט דער מחבר ווייטער, מיט אַן ערנסט פּנים, אַז אונדזער אייגענע מוזיק איז אויך נישט כשר, על פּי וועלטלעכקייט, ווייל זי איז געווען דער עיקר ליטורגישע, חזנות, געקניפּט און געבונדן מיט רעליגיעזע געלעגנהייטן.

פון דעסטוועגן גיט האַלקין צו אַז דער יידישיזם איז געווען אַ וויכטיקער פּרוּוו צו סעקולאַריזירן דאָס יידישע לעבן, און אַז ער האָט באַוויזן צו פּראָדוצירן אַן אומפאַרגלייכלעכע ליטעראַטור, אַ בליענדיק טעאַטער, אַ רייכן פאָלקלאָר, אַ קולטורעלע און אידעאָלאָגישע ראַם פאַר אַ סך יידן. אָבער, זאָגט ער מיט באַדויערן, אַזוי ווי יידיש האָט נישט געהאַט קיין טעריטאָריעלע באַזע, דערפאַר דאַרף מען זאָגן קדיש נאָך דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין חוץ לארץ.

מעגן מיר דאָך אים פרעגן: און וואָס הערט זיך מכוח יידיש אין דער אייגענער מדינה? אָט איז דאָך איצט דאָ אַ טעריטאָריעלע באַזע פאַר יידיש, און אַ סך יידן אין ישראל לעבן זיך אויס אין דער שפּראַך, טאָ פאַרוואָס דערלאָזט נישט די ישראלדיקע עסטאַבלישמענט צו לעגיטימירן יידיש כאָטש ווי די צווייטע אָפיציעלע שפּראַך? עקזיסטירט דאָך אַזאַ פיינע דעמאָקראַטישע מדינה ווי בעלגיע, און זי ווערט נישט פאָלאַריזירט צוליב איר צוויי־שפּראַכיקייט! און די דריי־שפּראַכיקע שווייצאַריע איז דאָך לויט אַלע סטאַנדאַרטן אַ הויך־קולטורעלע מדינה!

## II

ווי עס פאַסט פאַר איינעם וואָס זעט דאָס יידישע פאָלק אין צוויי קאָלירן: שוואַרץ און ווייס; אונטערגאַנג אין דער דיאַספּאָראַ און אויפגאַנג אין ישראל —

אין דער צוקונפט — קאַנצענטריט דער מחבר זיינע שאַרפסטע פּאָלעמישע פיילן אויפן אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ. דאָ זעט ער נישט קיין טראָפּן ליכט, נאָר בלויז פינצטערניש. אַלע אַמעריקאַנער יידישע אינסטיטוציעס, די רעליגיעזע און וועלטלעכע — זיינען פאַר אים אַ ליידיקע שאָלעכץ, און באַלד, באַלד וועלן די סיי ווי איינשרומפּן צוליבן אָנקום פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע. אַזעלכע קאָשמאַרן און נאָך ערגערע זעט ער אין זיינע חלומות וועגן אַמעריקאַנער יידן. אָבער ער זאָגט זיי נישט בלויז אָפּ עולם הזה, נאָך אויך עולם הבא. אַנדערע יידישע קיבוצים, ספּעקולירט ער, האָבן כאָטש נאָך זייער אונטערגאַנג איבערגעלאָזט אַ גרויסע גייסטיקע ירושה פאַר די אַנדערע ישובים, אָבער דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועט גאָר נישט איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות.

פאַר דעם העבראַיסטישן דאָגמאַטיקער עקזיסטירט, פאַרשטייט זיך, נישט דאָס גרויסע קאַפּיטל וואָס אַמעריקאַנער יידישע יידן האָבן אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון יידישער שעפערישקייט — די יידישע פּאָעזיע פון מאָריס ראָזענפעלד ביז ה. לייוויק, דאָס יידישע טעאַטער, די יידישע פּרעסע, די יידישע בעלעטריסטיק און עסייאיסטיק. פאַר אים באַטייטן אויך גאָרנישט די אַלע ווערק פון חכמת ישראל, וואָס יידישע געלערנטע האָבן דאָ געשאַפן אין יידיש, העברעיש און ענגליש. ער זאָגט אַליין אַז ס'איז אַ חוצפה פון אַ ישראלי אַזוי צו רעדן: „בעת ישראל וואָלט אָן דער שטיצע פון די תפוצות געווען אין געפאַר עקאָנאָמיש צוזאַמענצוברעכן; ווען זי לענט זיך אָן אַזוי שטאַרק אויף יידישאַמעריקאַנער פּאָליטישער הילף... זי האָט אַנטדעקט אַז די יידישע וועלט־געמיינדע איז איר איינציקע ראַיעלע פאַרבינדעטע אין איר קאָנפליקט מיט די אַראַבער. זי נעמט און נעמט פון די תפוצות, און גיט ווייניק ממשותדיקס צוריק.“ ער גיט צו אַז ס'איז גרויזאַם אַזוי צו רעדן וועגן אַמעריקאַנער יידן, און זיין פאַרענטפערונג איז, אַז ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יוגנט צו פאָדערן, און צו זיין אומדאַנקבאַר צום עלטערן דור. ער פאַרגעסט

אָבער, אַז ער איז נישט „די יוגנט“ נאָר אַ פּרעטענדענט אויף דער פּאָזיציע פון אַ מורה דרך, וועלכער מעג וויסן אַז צו אַלע טעאָריעס מעג מען אויך צוגעבן אַ ביסל סקעפּטיציזם און לעבנס־דער־פאַרונג.

דערווייל, הייסט עס, נעמט ער זיך די רעכט צו זיין חוצפּהדיק־יוגנטלעך, און אין זיין דריטן בריוו לאָזט ער אונדז וויסן אַז מען דאַרף זיך נישט איינרעדן אַז דאָס אַמעריקאַנער יידטום איז אַ רינגעלע אין דער גאָלדענער קייט, אַ המשך פון יבנה, פומפּדיתא, טאָלעדאָ אָדער מאַינץ, ווו יידישע קולטור האָט געבליט. פאַרוואָס? ווייל אונדזער אידעען־וועלט, אונדזער קוק אויף זיך איז אַנדערש פון די פריערדיקע דורות. און צווייטנס, די פאַרשפּרייטע מיינונג אַז דער אידעאַל פון יושר און צדק איז אַ צענטראַלער קאָמפּאָנענט אין יהדות איז פאַלש; ער איז בלויז, לויט האַלקינען, מאַרגינאַל אין יידישקייט. אָבער בײדע אַרויסזאָגונגען זיינען באַשיימפּערלעך נישט אמת. אויב מיר זאָלן אין יעדן דור דאַרפן איבערנעמען די גלויבונגען פון די פריערדיקע דורות כדי זיך צו קענען באַטראַכטן ווי אָנגעהעריקע צום זעלביקן פאָלק, דעמאָלט זיינען די הײנטיקע נישט־רעליגיעזע ענגלענדער, פראַנצויזן און דייטשן נישט קיין אָנגעהעריקע צו זייערע פעלקער. דאָס איז דאָך אַן אַבסורד. מיר דאַרפן נישט אָננעמען די אידעען פון די תנאים, פון רבי יהודה הלוי, פון ווילנער גאון, און פון בעש“ט כדי צו זיין שטאָלץ מיט זיי און זיך צו פילן ווי זייערע קרובים. פונקט אַזוי וועט אַ פרײדענקערישער פראַנצויז אָדער ענגלענדער זיך פילן שטאָלץ וואָס זייערע פעלקער האָבן פּראָדוצירט אַ רעליגיעזן דענקער ווי פּאַסקאַל, און אַ רעליגיעזן פּאָעט ווי דזשאָן דאָן. אַחוץ זייערע טעאיסטישע אָנשוויאונגען האָבן די אַלע דערמאָנטע שעפערישע פערזענלעכקייטן אויסגעבריייטערט די האָריזאָנטן און באַזינגט דאָס לעבן פון אַ סך דורות.

וואָס שייך דער צווייטער טענה אַז דער אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט איז בלומרשט אַ נעבן־זאַך אין יהדות, מוזן מיר ענטפערן, אַז אויב דאָס וואָלט אפילו

געווען אמת, מעג יעדער דור באַטאָנען
אין יידישקייט יענע ווערטן און אידעען
וואָס זיינען אים צום נאָענטסטן. מען מוז
אָבער אָפּפרעגן דעם פּירוש אויף יהדות.
זיינען טאַקע נישט עמוס, נישט ישעיה,
נישט מיכה צענטראַל אין יידישן וועלט־
באַנעם? איז טאַקע דער אידעאַל פון
באחרית הימים מאַרגינאַל אין יידישקייט?
האָבן טאַקע ערשט די דייטשע רעפאָרם־
יידן אויסגעטראַכט די אידייע אַז יידיש־
קייט איז אַ ליכט פאַר די פעלקער? און
משה העס און אחד העם, און אַ סך אַנדערע
יידישע דענקערס, וועלכע האָבן איבער־
צייגנדיק געשריבן — און זייערע אינטער־
פּרעטאַציעס האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּ־
קלאַנג ביי יידן — וועגן דער נביאישער
עטיק, זיי זיינען טאַקע געווען אַזעלכע
שאָוויניסטישע נאַציאָנאַליסטן ווי דער
מחבר וויל אונדז איינרעדן?

אַביסל שפּעטער זעט האַלקין איין אַז
ער איז צו ווייט פאַרקראָכן אין זיין אַרוג־
טעררייסערישקייט כאַפּט ער צוריק, אַז
„פאַרשטייט זיך" אין יהדות זיינען דאָ
אַלערליי מאָטיוון און שטימען; ס'איז אויך
פאַראַן אַ „נביאישע אוטאָפּישקייט" און
אוניווערסאַלער יושר. אָבער זיי זיינען
נישט דאָמינירנדיק, און ס'איז נישט
טיפּיש פאַר דער יידישער טראַדיציע צו
האָבן רחמנות אויף די גויים.

## III

ס'איז כדאי אַנצוּווייזן כאָטש אויף איי־
ניקע סתירות אין וועלכע דער מחבר פאַר־
פּלאָנטערט זיך. אָט האָט ער ערשט דער־
קלערט פריער (זייט 89) אַז משה העס
און אחד העם זיינען געווען שיער נישט
שאָוויניסטן מיט „פראַזנדרעשעריי וועגן
נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, גורל און ענ־
לעכס"; אַביסל ווייטער הערן מיר אַזאַ
שפּאַגל־נייע טעאָריע: וויל עטיק איז אונ־
יווערסאַל, דעריבער איז אַלע מאָל דאָ
אַ פּאָטענציעלע שפּאַנונג צווישן ייד־זיין
און זיין אַן עטישער מענטש; צווישן אָפּ־
געבן איינעמס לאָיאַליטעט צו אַ נאַציע
און צום אייגענעם געוויסן. יאָ, עס קענען
זיין קאָנפליקטן צווישן נאַציאָנאַלע אינ־
טערעסן און די פּרינציפּן פון יושר. אַזוי,
למשל, האָט דער צווייטער אינטערנאַצי־
אָנאַל זיך געשפּאָלטן וויל די דייטשע
אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן האָבן נישט
געוואָלט — צוליב זייערע פּרינציפּן —
שטימען פאַר די קריגס־קרעדיטן פון דער
קייזערלעכער דייטשער רעגירונג. דער־
פאַר זיינען פאַראַן אין מדינת ישראל פּאָ־
ליטישע גרופּירונגען וועלכע פּרובירן
האַרמאָניזירן זייערע ציוניסטישע איינ־
שטעלונגען מיט זייערע עטישע פּרינציפּן.
פון דעם איז אָבער נישט געדרונגען אַז
יידישקייט און עטיק האָבן נישט קיין
שייכות איינס מיטן אַנדערן. עטישע יידן,
ווי משה העס, ווי מאַרטין בובער, ווי
יהודה לייב מאַגנעס — צו דערמאָנען
בלויז עטלעכע — האָבן טאַקע ענג פאַר־
בונדן און האַרמאָניזירט זייערע עטישע
פּרינציפּן מיטן קאַמף פון יידישן פאָלק
פאַר זיין עקזיסטענץ.

דער אויפקום פון מאָדערנעם נאַציאָ־
נאַליזם אין מערב־איירופּע, פון וועלכן
דער ציוניזם איז שטאַרק באַווירקט גע־
וואָרן, איז דאָך געווען געבונדן מיט דער
באַוועגונג פאַר יחידישער פרייהייט, פאַר
די רעכט פון בירגער. יאָהאַן הערדער,
דער פאָטער פון דייטשן נאַציאָנאַליזם,
האָט פיינט געהאַט דעם פּרייסישן מילי־
טאַריזם. מאַדזיני, דער באַגרינדער פון
איטאַליענישן נאַציאָנאַליזם האָט געהאַלטן
אַז דעם מענטשנס ערשטער חוב איז צו
דער מענטשהייט, און אַז מאָראַל איז נישט
באַגרענעצט צו לאַנד און פאָלק. אונדזע־
רע אייגענע נאַציאָנאַלע דענקער, חיים
זשיטלאָווסקי און שמעון דובנאָוו, האָבן
פאַרקניפּט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם מיט
נביאישער עטיק. זשיטלאָווסקיס מאָטאָ
איז געווען: וואָס מער ייד אַלץ מער
מענטש, און וואָס מער מענטש אַלץ מער
ייד. אחד העם האָט געטרוימט אַז אונדזער
פאָלק וועט ווערן אַן עם עליון — אַן אי־
בערפאָלק — און עס וועט זיך אויסצייכע־
נען מיט דעם וואָס עס וועט פאַרקערפּערן
אין זיך דעם אידעאַל פון די נביאים —
די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט.

פאַר דעם ככל־הגויימניק האַלקין איז
גענוג מיר זאָלן שאַפן אין ישראל אַ קול־
טור ווי די אַלבאַניער, גוואַטעמאַלער,
אָדער פינלענדער. די אַלע פריער־דער־
מאָנטע יידישע דענקערס, און מיר אַלע

וואָס זיינען אויף זייערע אידייען דערצויגן געוואָרן, האָבן גרעסערע אַספּיראַציעס פאַר ישראל סבא. צום גליק עקזיסטירט שוין איצט, סיי אין אַמעריקאַנעם יידישן קיבוץ, סיי אין דער יידישער מדינה, אַ סך אַ רייכער גייסטיק יידיש לעבן ווי האַלקין וויל אונדז איינרעדן.

אָדער אַ צווייטע סתירה. דער אויטאָר וועלכער וויל גילטן ווי אַ „ווערטן־איבער־שאַצער" ביוועלירט אין גאַנצן די שעפערישקייט פון דער דיאַספּאָראַ; ער מאַכט צו נישט אונדזער שטאָלצירן מיט די איינשטיינס, פרוידס, באַבעלס און מאַנדעלשטאַמס, און ער פרעגט חכמהדיק: „צי קענען מיר לייענען פון אַ לעווי־סטראַוס, אָדער אַ טשאַמסקי אין אונדזערע סינאַגאָגעס?" (זייט 104). פלוצלונג האָט דער עקסטרעמער סעקולאַריסט גענומען פאַר אַ קריטעריע פון יידישער ווערטפולקייט די סינאַגאָגע, און מעסט איינעמס יידישן אויפטו מיט איר מאָס?! ווי פּאַרט זיך דאָס? גלייך ווי יידן וואָלטן נישט געהערט צום מענטשלעכן מין, און די באַרייכערונג פון דער וועלט־קולטור מיט וועלכער זיי לעבן וועט נישט אויך באַרייכערן זייערע געפילן און געדאַנקען? איז דאָס ניט שמאָלקעפּיקער פּראָווינציאַליזם, וואָס מיינט, אַז מיט אַזאַ לאָגיק קען מען עמיצן איבערצייגן. איך מיין אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס די זאַנגווילס, די היינעס, די באַבעלס און בעלאָוס האָבן געשריבן אויף נישט־יידישע שפּראַכן, האָבן זיי עפּעס בייגעשטייערט אויך צו דער יידישער ליטעראַטור, און אויב עס וועט אַמאָל אויפשטיין אַ נייער ישראל צינבערג, וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון אַ יידישער ליטעראַטור אויף פרעמדע שפּראַכן — מירהאָבן שוין איצט אַזעלכע אַנטאָלאָגיעס — וועט ער איינשליסן אין איר די דערמאָנטע און אַ סך אַנדערע יידן־שרייבערס.

גערעכט איז האַלקין אַז די יידישע קולטור איז נישט געווען אויסשליסלעך רעליגיעז; יידן האָבן זיך נישט אַלע מאָל באַשעפטיקט מיט דער גאָט־אידעע, און זי האָט נישט שטענדיק פאַרנומען דעם הויפּט־פּלאַץ אין זייער לעבן. ווי אַלע מענטשן זיינען אויך יידן געווען פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ליבן, האָבן קינדער, זיך אַמוזירן, אאַ"וו. ער איז אויך אומאָפּפרעגלעך אַז מ'קען און מ'דאַרף סעקולאַריזירן די טראַדיציאָנעלע יידישע קולטור אויף אַן אופן אַז זי זאָל פאַרבלייבן יידיש אין אַלע אַספּעקטן, אי גלייכצייטיק דינען ווי אַ יסוד פאַר אַלע מענטשן. דאָס מיינט, ער קען מער דערגרייכן ווייל דער יסוד איז שוין אויפגעבויט געוואָרן. ער באַקלאָגט זיך, מיט רעכט, אַז ישראל האָט אַרויסגעוואָרפן אין גאַס כאַפּלאַפּ טיילן פון אונדזער פאָלקס־קולטור, אַזוי אַז עס בלייבן בלויז פראַגמענטן; דאַרף מען זיין שפּאָרעוודיק מיטן איבעריקן. נאָר אויב אַזוי, ווונדערט אונדז פאַרוואָס ער שטעלט זיך נישט איין מ'זאָל אין דער יידישער מדינה פּרעזערווירן, דורך איינפירן דעם לימוד אין די פאָלקשולן, דעם גערעדטן יידיש, דאָס יידישע פאָלקסליד, דעם יידישן פאָלקלאָר. פאַרוואָס נעמט מען נישט אַריין אין די כרעסטאָמאַטיעס פון די דאָרטיקע פאָלקשולן — כאָטש אין העברעישער איבערזעצונג — די רייכע יידיש־ליטעראַטור? בלויז עטלעכע קלאַסיקער האָבן זוכה געווען צו זיין אַביסל פאַרטראַטן אין די ישראלדיקע שול־ביכער.

אין לעצטן בריוו לאָזט האַלקין זיין פיקטיוון קאָרעספּאָנדענט אים פרעגן אַ האַרבע שאלה: אויב דו זעסט, אין בעסטן פאַל, פאַר אונדז פאַרויס אין דער צוקונפט, אין ישראל, אַ נאַציאָנאַלע קולטור ככל הגוים, ווי אַלבאַניע און גוואַטעמאַלאַ, וועט דאָס זיין דער תכלית פון דער יידישער געשיכטע? צוליב דעם האָבן מיר געליטן און געשטאָרבן? וועט דאָס אונדז געבן אַ זכות הקיום? אויף דעם ענטפערט ער אַז מען דאַרף פילן מ'איז אַ ייד; אַז מיר אַליין דאַרפן זיך, אויב מיר ווילן זיין געטריי צו זיך. נאָר אויב אַזוי, וואָס וועט דער מחבר אויפטאָן מיט זיין אַרונטעררייסן אַמעריקאַנער יידן — וועלכע דעמאָנסטרירן ביי יעדער צרה, אָדער פריידיקער געשעעניש אין ישראל זייער סאָלידאַריטעט — און מיט אָפּשוואַכן זייער גלויבן אין דער צוקונפט פון היגן יידנטום וועט דאָס פירן צו אַן אַמעריקאַנער עליה קיין ישראל? וואַרשיינלעך נישט.

דער אַמאַליקער געשריי: ככל הגוים,

(סוף אויף זייט 25)

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד

# אַניואיטי פאנד

## איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

## מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:

אברהם שפיגעל, קאונסיל פרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRFD KAHAN, Executive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..........................................................................................

Address.......................................................................................

City...........................................................Zip Code..............................